משמרת השלום
02-5379160



# א גוט ווארט

וָואכְן-שְׁרִיפְט פַאר קִינְדֶער, פוּן 'מִשְׁמֶרֶת הַשָּׁלוֹם'

נו' 67
פר' פקודי
אדר פ"ה

טֶעמָא:
**קוּק אוֹיף דִי הַצְלָחָה'ס**

## אַזוֹי שְׁטַייגְט מֶען!

### גֶרְשִׁי בַּאהֶערְשְׁט זִיך.

אֵיינְמָאל הָאט אַ זִיסֶער אִינְגְל גֶרְשִׁי, זִיך אוּנְטֶערגֶענוּמֶען אַז הַיינְט אִיז עֶר זִיך מִשְׁתַּדֵל, נִישְׁט צוּ רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע!

עֶר הָאט זִיך אַרָאפּ-גֶעזֶעצְט אוֹיף זַיין בַּאשְׁטִימְטְן פְּלַאץ אִין טֶענְדֶער, וָואס פִירְט צוּם חֵיידֶער ־ צְוִוישְׁן אִיצִיק מִיט נֹחַ ־ אוּן גֶעהֶערְט וִוי זֵיי רֶעדְן אוֹיפְן נַייעֶם אִינְגְל, וָואס אִיז אַרַיין אִין זֵייעֶר כִּתָּה.

"עֶר פַארְמָאגְט אַ גְאוֹנִ'ישֶׁע קָאפּ!" הָאט אִיצִיק גֶעזָאגְט מִיט הִתְלַהֲבוּת. "רִיכְטִיג!" הָאט נֹחַ צוּגֶעשְׁטִימְט. "זַיין גַאנְצֶע בַּאנֶעמוּנְג, דֶער אוֹפְן וִוי עֶר רֶעדְט מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים ־ אַלֶעס וַוייזְט אוֹיף אַ סְפֶּעצִיעֶלְקַייט! מַיין בְּרוּדֶער דֶערְצֵיילְט, אַז עֶר בְּלַייבְּט לֶערְנֶען, נָאךְ וָואס דֶער שִׁיעוּר עֶנְדִיגְט זִיך. אַלֶע אִינְגְלֶעך ווִילְן זִיך חֲבֶרְ'ן מִיט אִיהְם, זֵיי הָאפְן אַז עֶר וֶועט זֵיי הֶעלְפְן לֶערְנֶען...".

גֶרְשִׁי הָאט זִיך צוּגֶעהֶערְט צוּ זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער. עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אוֹיף וֶועמֶען זֵיי רֶעדְן! דֶער נַייעֶר אִינְגְל, קוּמְט יֶעדֶע נַאכְט צוּ זֵיי אִינְדֶערְהֵיים, אוּן זַיין טַאטֶע לֶערְנְט צוּ מִיט אִיהְם, אַזוֹי וִוי עֶר טוּהט מִיט נָאךְ שְׁוַואכֶע אִינְגְלֶעךְ פוּן חֵיידֶער... עֶר גְרֵייט זֵיי צוּ, צוּם מָארְגְנְדִיגְן שִׁיעוּר - ס'זָאל זֵיי גְרִינְגֶער זַיין...

דֶער אִינְגְל אִיז אַ גָאוֹן? מַמָּשׁ נִישְׁט!...

נָאר וָואס? מִסְתָּמָא רֶעדְט עֶר גֶעשְׁמַאק אוּן צִיהט חֲבֵרִים. אִיצִיק מִיט נֹחַ, הָאבְּן אַ טָעוּת מִיט אִיהְם...

גֶרְשִׁי וֵוייסְט, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיך אַרַיינְמִישְׁן אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְן דֶעם אֱמֶת, וֶועט דֶער נַייעֶר אִינְגְל פַארְלִירְן זַיין חֵן. נִישְׁט זִיכֶער אַז מ'וֶועט אִיהְם אָנְקוּקְן מִיט אַזוֹיפִיל רֶעסְפֶּעקְט אוּן זִיך וֶועלְן חֲבֶרְ'ן מִיט אִיהְם.

פוּן צְוֵוייטְן זַייט, וָואס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, אַז אַ אִינְגְל לֶערְנְט צוּ? אַסַאךְ קִינְדֶער טוּהֶען עֶס, אוּן וַואקְסְן

נָאכְדֶעם אוֹיס תַּלְמִידֵי חֲכָמִים!!!

גֶרְשִׁי הָאט אָבֶּער פַארְשְׁטַאנֶען, אַז דֶער נַייעֶר אִינְגְל וֶועט הָאבְּן שָׁאדְן, אוֹיבּ עֶר וֶועט עֶס דֶערְצֵיילְן. זַיינֶע חֲבֵרִים זוּכְן זַיין נָאנְטְקַייט, מֵיינֶענְדִיג אַז עֶר הָאט אַ גְאוֹנִ'ישֶׁע קָאפּ. און עֶר הָאט זִיך דָאך אוּנְטֶערגֶענוּמֶען, נִישְׁט צוּ רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע, דָאס מֵיינְט וֶוערְטֶער וָואס קֶענֶען שֶׁעדִיגְן אָדֶער פַארְשֶׁעמֶען.

הָאט עֶר טַאקֶע גֶעשְׁוִויגְן, און דֶערְוַוייל זֶענֶען אִיצִיק מִיט נֹחַ אַרִיבֶּער צוּ אַ צְוֵוייטְן עִנְיָן. גֶרְשִׁי הָאט זִיך גֶעפִילְט גְלִיקְלִיך, אַז עֶר הָאט זִיך ב"ה מִתְגַּבֵּר גֶעוֶוען!

אִין הַפְסָקָה, הָאט עֶר גֶעהַאט נָאךְ אַ נִסָּיוֹן: זַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען בְּרוֹגֵז גֶעוָוארְן און זִיך גֶערֶעגְט, אַז מ'הָאט אַרָאפּגֶעפְּלִיקְט דֶעם שֵׁיינֶעם בִּילְד וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען אִין כִּתָּה.

'וֶועמֶען הָאט עֶס גֶעשְׁטֶערְט?' ־ הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט אוֹיפְן קוֹל.

גֶרְשִׁי הָאט גֶעוואוּסְט דֶעם עֶנְטְפֶער. עֶר הָאט נֶעכְטְן גֶעזֶעהן וִוי בֶּנְצִיוֹן פוּן דִי צְוֵוייטֶע כִּתָּה רַייסְט עֶס אַרָאפּ...



עֶר הָאט אָבֶּער אַיינְגֶעהַאלְטְן דִי יְדִיעָה בַּיי זִיך אִין הַארְץ, און גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט; עֶר הָאט זִיך אוּנְטֶערגֶענוּמֶען ־ און אִיז מְקַיֵּים!

## דֶער גְרוֹיסֶער דוּרְכְפַאל

נָאכְמִיטאג אִיז גֶרְשִׁי עֶנְדְלִיך אַהֵיים, מִיעד, הוּנְגֶערִיג און אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט. עֶר אִיז לַאנְגְזַאם אַרוֹיף דִי טְרֶעפּ, און אִיז שְׁטַארְק עֶנְטְוֹישְׁט גֶעוָוארְן צוּ זֶעהן, אַז דֶער טְרֶעפְּן-צִימֶער אִיז אָנְגֶעוָוארְפְן מִיט שָׁאלֶעכְטְץ און שְׁמוּץ.

עֶר אִיז אַרַיין אִין שְׁטוּבּ און אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט כַּעַס: "ס'אִיז מִיר נִמְאָס גֶעוָוארְן פוּן דִי שְׁכֵנִים... וָואס מֵיינֶען זֵיי? אַ בַּא'שׁוּתְּפוּת'דִיגֶע אַרַיינְגַאנְג צוּ אַ בִּנְיָן ־ אִיז אַ מִיסְט קַאסְטְן?...".

"אַ גוּטְן גֶרְשִׁי" הָאט אִיהְם זַיין מַאמֶע לִיבְּלִיך אוֹיפְגֶענוּמֶען. "קוּם טְרִינְק עֶפֶּעס, מַאךְ אַ בְּרָכָה. כ'הָאבּ דִיר צוּגֶעגְרֵייט פֵיינֶע זַאכְן!".

גֶרְשִׁי הָאט זִיך גֶעכַאפְּט; אוֹיש... עֶר אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן! פַארְגֶעסְן זַיין גוּטֶע קַבָּלָה!!

עֶר הָאט גֶעפִילְט אַ מָאדְנֶע שְׁוַואכְקַייט.

'וָואס אִיז מִיט מִיר?' ־ הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט מְיוֹאָשׁ ־ 'אֲפִילוּ אֵיין טָאג קֶען אִיךְ זִיך נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין תַּקָּנֶה? ס'אִיז דָאך מַמֶּשׁ שְׁרֶעקְלִיך...!!!'

און אַזוֹי, צוּבְּרָאכְן און צוּשְׁטָאכְן, הָאט עֶר זִיך אַרָאפּגֶעזֶעצְט אִין קָאך קְלֶערְנְדִיג: 'אַשָׁאד

# אַ חִידָה בְּמִידָה

וָואכֶנְטְלִיכֶע רֶעטֶענִישׁ, אוֹיף מִידוֹת און שְׁמִירַת הַלָּשׁוֹן

## חִידָה:

**יֶעדְן טָאג, נָאר אַפָּאר מִינוּט,
זַיי דְרִינְגֶען אַרַיין אִין אוּנְז.
הֶעלְפְן, זִיך בַּאהֶערְשְׁן
און שְׁוַוייגְן
מִיר זֶענֶען זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם,
צוּ שָׁלוֹם און יְשׁוּעוֹת.
און בְּעִיקָר: וֵוייסְן, וִוי
אַזוֹי מ'דַארְף זִיך פִירְן.**

**וֶוער זֶענֶען זֵיי?**

אוֹיף מַיין אַרְבֶּעט. אַשָּׁאד זִיך צוּ מוּטְשֶׁען, ס'וֶועט גָארְנִישְׁט אוֹיסְוַואקְסְן פוּן מִיר!"---

אַצִינְד,

לָאמִיר צוּנֶעמֶען גֶרְשִׁי'ס גֶעפִיהְלְן און פַארְשְׁטֵיין וָואס שְׁטֵייט אוּנְטֶער זַיין מָאדְנֶע הַחְלָטָה:

צְוֵויי מָאל הָאט עֶר זִיך מִתְגַבֵּר גֶעוֶוען און בַּאזִיגְט דֶעם יֵצֶר הָרַע, און בְּלוֹיז אֵיינְמָאל, אִיז עֶר נִכְשָׁל גֶעוָוארְן. פַארְוָואס אִיז עֶר אַזוֹי מְיוּאשׁ גֶעוָוארְן???

וַוייל פוּנְקְט דָאס אִיז דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע שִׁיטָה פוּן יֵצֶר הָרַע: עֶר אִיז מַדְגִישׁ אוּנְזֶערֶע דוּרְכְפַאלְן און כִּשְׁלוֹנוֹת, און בַּאזֵייטִיגְט און פַארְקְלֶענֶערְט אוּנְזֶערֶע הַצְלָחָה'ס!

עֶר ווִיל מֶ'זָאל אָנְקוּמֶען פוּנְקְט צוּ דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע גֶעפֶערְלִיכֶע מַסְקָנָה: אַז מֶער נֶעמְט מֶען זִיך גָארְנִישְׁט אוּנְטֶער, און אַז ס'אִיז אַשָּׁאד אוֹיף דִי אַרְבֶּעט---

מוֹרֶא'דִיג!

אָבֶּער אוֹיבּ מִיר וֵוייסְן פוּן וואו דִי חֲלִישָׁה שְׁטַאמְט, און אַז דָאס אִיז אַ 'קוּנְץ' פוּנֶעם יֵצֶר - לָאמִיר זִיך פִירְן פוּנְקְט פַארְקֶערְט, און דַוְוקא שְׁטַארְק נָאכְקוּקְן אוּנְזֶערֶע הַצְלָחָה'ס! לָאמִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן וִויפְל מָאל, מִיר הָאבְּן זִיך יָא מִתְגַבֵּר גֶעוֶוען. וִויפְל מִיר הָאבְּן מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין קַאמְפְּף - וַוייל דָאס גִיבְּט כֹּחַ צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין מִיטְן גוּטְן וֶועג!!!

אַיי, גֶרְשִׁי אִיז פָארְט דוּרְכְגֶעפַאלְן?!... איז רִיכְטִיג. ס'אִיז טַאקֶע נִישְׁט גֶעשְׁמַאק. ס'אִיז אַ גְרוֹיסֶע שָׁאד. אָבֶּער ס'אִיז דָא אַ וֶועג צוּ תְּשׁוּבָה טוּהן. מ'דַארְף חֲרָטָה הָאבְּן, זִיך פַאר-רִיכְטְן, אָבֶּער בְּשׁוּם אוֹפְן - נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין!

כִּשְׁלוֹנוֹת מֶעקְן נִישְׁט אָפּ הַצְלָחוֹת! גוּטֶע מַעֲשִׂים - בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג!

**מִיר וֶועלְן אי"ה מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ רֶעדְן אוֹיף דֶעם, דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.**

**דֶערְוַוייל טְרַאכְט, אוֹיף וָואס דו הָאסְט גֶעלַיינְט!**

**אַ גוּט שַׁבָּת - מְשׁוּלָם.**




צו צושליסן נאך מוסדות, צום **פראגראם חברים:** פעקס: 02-6506107 מייל: t025379160@gmail.com

צו אנטייל נעמען און צושפרייטן דעם וואכנשריפט:
**1800-800-779**

**דער וואכנשריפט ווערט געדריקט און פארשפרייט:**
החפץ בעילום שמו, לזרע קודש בר קיימא

# געהיימניסן, בײַם באָדן פון לעבן

גְעשְׁרִיבְּן: ש. רוזנשטיין | גֶעמָאלְן: יוספי יוסף

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:** סַפְרָא הָעלְפְּט פַאר מְשׁוּלָם, צוּ טְרֶעפְן אוּרִי'ן. עוֹקֶץ פְּרָאבִּירְט אִיהְם נָאכַאמָאל פַארְטוּמְלָען, אוּן אוּרִי לֶערְנְט אִיהְם אוֹיס, צוּ דֶערְקֶענֶען דֶעם פַיינְט אוּן אִיהְם בַּאזִיגְן - צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע סָאלְדַאטְן פוּן יֵצֶר הָרַע, דוּרְךְ אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לֶעמְפְּל וָואס עֶר שֶׁענְקְט אִיהְם בְּמַתָּנָה.




פָארְזֶעצוּנְג וֶועט קוּמֶען אי"ה

אִיהר ווילְט הֶערְן אַבִּיסְל מֶער, אוֹיף מְשׁוּלָם מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים, אוּן אוֹיף דֶעם יֵצֶר הָרַע'ס, מְסוּכְּנְ'דִיגֶע סָאלְדַאטְן? **קְלִינְגְט אַרַיין צוּם חֲבֵרִים-לַיין: 0723372212 דְרִיקְט 394**

**צו צושפרייטן דעם וואכנשריפט אין שוהל'ן, פאר א מינימאליש'ן פרייז קלינגט 02-5379160 דריקט 0**